# THE SHEPHERD OF ISRAEL

**ENGLISH DEPARTMENT**

VOL. XIII, No. 2 | 50 CENTS A YEAR | OCTOBER, 1930.

## FOUR WITNESSES

Rabbi Wise made a startling statement several years ago. It was something like this: "We Jews must realize and believe that Jesus was."

Then Rabbi Wise went on to make an astonishing revelation, or shall we say confession. He said that in his early days he had actually been brought up to believe that such a person as Jesus Christ never really had existed, and that the stories about him, and even the historic records of His life here upon the earth, were myths and fables.

But, Rabbi Wise said, he knows better now, and he really knows that there was such a person as Jesus and that He actually lived here on the earth 1900 years ago. This admission, Rabbi Wise we suppose felt he must make, in order to maintain even the faintest claims to being a scholar and a well-read man.

But, Rabbi Wise did not go far enough. For if it be true, as Rabbi Wise now admits that it is true, that there was such a character and personality as the Lord Jesus Christ, and that He was truly a historic individual, then it is Rabbi Wise's duty to believe in the Lord Jesus Christ not only as a person who lived here upon the earth, but as a person who possessed in Himself all those things which He claimed. For it is the Lord Jesus Christ Himself who has given us abundant and unimpeachable testimony as to Who He is, and as to why He came here upon the earth.

In the Gospel of John, in the 5th chapter, we find the following heart-searching statements made by the Lord Jesus Christ Himself:

> "Ye sent unto John, and he bare witness unto the truth. But I receive not testimony from man: but these things I say, that ye might be saved. He was a burning and a shining light: and ye were willing for a season to rejoice in his light. But I have greater witness than that of John: for the works which the Father hath given me to finish, the same works that I do, bear witness of me, that the Father hath sent me. And the Father himself, which hath sent me, hath borne witness of me. Ye have neither heard his voice at any time, nor seen his shape. And ye have not his word abiding in you: for whom he hath sent, him ye believe not. Search the Scriptures; for in them ye think ye have eternal life: And they are they which testify of me. And ye will not come to me, that ye might have life. I receive not honour from men. But I know you, that ye have not the love of God in you. I am come in my father's name, and ye receive me not: if another shall come in his own name, him ye will receive." John 5:33-43.

So, the Lord Jesus Christ Himself gave us four witnesses, each one presenting the strongest possible evidence as to the truth of the statements made by the Lord Jesus Christ.

The first witness was that great prophet, John the Baptist. The Lord Jesus Christ told our Jewish forefathers that they were very glad to listen to John the Baptist, and yet this very John the Baptist had boldly announced to the throngs in the streets of Jerusalem, "Behold the Lamb of God, which taketh away the sin of the world"! This was John's testimony.

The second great witness which the Lord Jesus Christ invoked was the works which he did. "Do not believe me for what I tell you", was virtually what the Lord Jesus Christ said, "But believe me for the works that I do. I heal the sick, I raise the dead, I forgive sins". Surely this is a strong witness to the fact that the Lord Jesus Christ must have been God, because who else could raise the dead and forgive sins?

The third witness which the Lord Jesus Christ calls upon to testify for Him, was none other than God Himself, who was the Father of the Lord Jesus Christ. There was a day when the Lord Jesus Christ passed over to the Jordan and there was baptized by John. As He came up out of the water, lo and behold, the heavens were opened, and the Spirit of God came down upon Him like a dove, and the great throng were thrilled and electrified to hear a voice from heaven saying, "This is my beloved son in whom I am well pleased." Has any testimony been more powerful than this?

And then the fourth witness which the Lord Jesus Christ called upon to corroborate His claims was our own Hebrew Bible. "Search the Scriptures", said the Lord Jesus Christ, "they are they which testify of me". And if we had space we could fill these columns over and over again with quotations from the prophets whom God sent to us in the olden days, Moses, King David, Isaiah, Jeremiah, and many others, to show how many times God spoke to us through the Old Testament to tell us about the Lord Jesus Christ. But any really honest mind can find all these references if you just will look for them in the Bible, and indeed we will be glad to send you various tracts which give these Old Testament references so that you may look them up in detail.

But in this article we have only space left enough to ask you, will you not as an honest student of evidence, and as an impartial judge, study these witnesses which the Lord Jesus Christ produced and ask God to reveal to you whether they are not telling you the truth? And if they are telling the truth, will you not decide to accept their testimony, and become a true follower of the Lord Jesus Christ?

Literature is free to you for the asking, and if you have any questions that trouble you we also will count it a privilege to help you.

---



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

---

אין אדעסא און שפעטער דאָ אין אמעריקא. ער האָט געהאט א ליעבענדעם הערץ פאר אלעמען, פאר אידען און פאר גוים, און האָט יעדען געוואָלט בע־קאַנט מאכען מיט דעם הייליגען משיח "הגואל ממות ופודה משחת".

אסאך אידען וועלכע ער האָט געברענגט צו ישוע המשיח זענען איהם מזכיר לטובה ולברכה זייענדיג בעוואוסטזיניג וואָס ישוע המשיח מיינט פאר זיי, נעמליך הכל בכל מכל כל.

---

## דער פריינד

### פּאָעמא

אין צייט ווען מיר איז געווען ביטער
האָבען מיר פריינד געהאָלפען אהן א שיעור
מיט א וואָרט אָדער אַן עצה א גוטער
זאָגענדיג — פאַרלאָז זיך נאָר אויף מיר.

איך ווארט — איך זעה אָבער ניט קיינעם
און אָט באלד בין איך גאָר פארביי,
צום גליק האָב איך אָבער געפונען איינעם
וואָס ליעבט מיך און איז מיר געטריי.

ניע וועל איך איהם פון הארץ אָבווישען,
נישט פארגעסען ביז די וועלט וועט שטיין.
גערן וואָלט איך איהם האלזען און קישען.
יאָ, דער פריינד איז ישוע המשיח אליין.

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.

VOL. XIII, No. 2 — 50 CENTS A YEAR — OCTOBER, 1930.


## שרעקליכע שקרים פון אידישע צייטונגען

מיר אידען זענען שוין צוגעוואוינט צו בלבולים. סיי וואוהין מיר האבען זיך פארשלעפט און געוואוינט האבען מיר זיך תמיד באגעגנט מיט בלבולים און שמוציגע שקרים מצד די גוים, שונאי ישראל. דא האט מען אונז באשולדיגט אז מ׳זעמיר צו־קלוג און דארט האט מען זיך באקלאגט אז מ׳זעמיר צו־רייך און ווידער אין אנדערע ערטער האט מען אונז באשולדיגט אין עלילת דם און כל מיני אנדערע שקרים וואס שונאים האבען אויסגע־טראכט אויף אידען, צום סוף האמיר זיך דערלעבט שעהנע צייטען — אז אידען אליין טראכטען — אויס שמוציגע בלבולים אויף זייערע אייגענע ברי־דער.

ווי אזוי מיינט איהר ליעבער לעזער זענען עפעס יענע גוי׳שע בלבולים אויף אידען אנגענומען גע־ווארען ביים אלגעמיינעם פאלק? גאנץ איינפאך— עס האט זיך נור בעדארפט געפינען עפעס אן אנטי־סעמיטעל, א רשע אדער א כלב, אדער אפשר גאר ביידע צוזאם, וועלכער האט אויסגעטראכט א שקר־בלבול אויף אידען, ער האט נור בעדארפט א י י ן "יחריץ" טהון האט זיך דאס ווי א פייער באלד פאר־אנאנדער געשפרייט צווישען די אונוויסענדע און איגנאראנצע מאסע און אזוי איז עס געגאנגען פון ארט צו ארט און פון שטאדט צו שטאדט ביז עס איז געווארען א ממשות און טרויריגע רעזולטאטען האבען געפאלגט.

עפעס אויף אזא ארט זענען אויסגעטראכטע בלבולים פון אידען אויף גלויביגע אידען אין ישוע המשיח אקצעפטירט געווארען, נור בלויז וועגען דעם ווייל עפעס איינער בבחינת מנהיג, א רב, א מגיד אדער עפעס א שרייבער וואס האט דאס אויס־געטראכט און אנגעשריבען אין א אידישען בלאט. אדרבא הערט ליעבע לעזער ווי אזוי זיי מאכען דאס, און שטוינט:

פאר אייניגע מאנאט צוריק האט אזא מין מאכער אנגעשריבען אן ארטיקעל און איז געדרוקט געווא־רען אין א כשר׳ע צייטונג אז בכן, מיסיאנערן האבען געקידנעפט אין ניו יארק א אידישען יונגען־מאן, א ישיבה בחור, און זיי האבען איהם געמארטערט און געפייניגט ערגעץ־וואו אין א פערבארגענעם ארט און איהם געצוואונגען צו ווערען א מיסיאנער. אבער נאך פיעלע טעג פון פייניגונגען האבען די מיסיאנערען אויפגעגעבען די האפנונג דעם יונגען מאן צו באקעהרען, האבען זיי איהם ביי נאכט אוועקגעפיהרט נאהענט צו זיין היים און איהם איבערגעלאזט אין א בעוואוסטלויזען צושטאנד אונטער די טרעפ פון הויז, ביז עפעס א שכן האט איהם דערקענט און איהם אהיים געבראכט.

מילא וואס איינער אדער דער צווייטער קלערט אוים א שקר איז קיין חידוש נישט ווייל עס זענען פאראן אסאך שקרנים אין דער וועלט און יעדער שקרן קאמפיטירט מיט זיינע קאנקורענטען אום אויסצוטראכטען עפעס א גרעסערן ליגען פון יענעם. איז איבער־דעם קיין חידוש ניט וואס די שקרנים ארבייטען מעשים מיט זייערע שמוציגע בלבולים. דער חידוש איז אבער יא זעהר גרויס פארוואס די אידישע לעזער פון אזא צייטונג פראטעסטירען ניט געגען דעם און פארוואס זיי רייסען נישט ארונטער די מאסקע פון יענע חברה וואס בעליידיגען זייערע לעזער מיט אזאלכע פאר׳עיפוש׳דיגע שקרים, מיי־נענדיג אז דער עולם איז א גולם און וועט אלעם גלויבען וואס מ׳לעגט זיי אונטערן נאז.

איז עס נישט א וואונדער ווי אזוי אידען קאנען לייענען אזאלכע לא היה ולא נברא׳דיגע שטיקלעך נייעס און עדיטאריעלס ווי דער אויבינער שקר איז און עס פערשווייגען? איז אין יענע לעזער שוין גאר קיין זעלבסט רעספעקט פאראן אין זייער בעוואוסט־זיין?

דיעזער אומגעלומפערטער טייפלישער שקר איז אויסגעטראכט געווארען און פובליצירט געווארען בייזווילינ צירקא 3 מאנאט צוריק און זייט דאמאלס איז קיין איין ווארט מעהר נישט דאפאן גערעדט געווארען. קאן דאס מעגליך זיין אז די שטאדט רעגירונג זאל אזא זאך פערשווייגען און ניט שיקען פאליציי און דעטעקטיוום דאס אמוועניגסטענס אונטערצוזוכען אזוי ווי מ׳האט געטון מיט אנדערע קידנעפינג פעלע, ווען די גאנצע שטאדט איז גע־טראפען געווארען ווי פון א דאנער־בליץ! דא אבער איז אלעם באלד געווארען שא־שטיל, מ׳האט נישט מעהר געהערט נישט פון דעם ישיבה בחור, נישט פון זיינע עלטערן און נישט פון די גאנצע אידישע קהילה. עפעס איז אלעם ווי שטום געווארען און ניט כ׳עהר געהערט פון דעם אויפגעבלאזענעם שקר.

אט אזוי האבען נעביך פוסטע שקרים און שמו־ציגע בלבולים שטאטגעפונען צווישען אידען אויך געגען ישוע המשיח. וועלכער איד ווייסט דען נישט פון די פיעלע פאלשקייטען וואס זענען אויסגע־טראכט געווארען געגען איהם פון געוויסענס־לויזע און פון צווייפעלהאפטע כאראקטערן אלץ נור כדי איהם צו ערניעדעריגען און צו פער׳מיאוס׳ן ביי אידען! אזאלכע שקרים האבען אבער קיינמאל נישט אויסגעהאלטען פאר תמיד. ווייל "שקר אין לו רגלים". עס געפינען זיך אבער תמיד צווישען אידען אויך אזאלכע כאראקטערן וואס לאזען זיך נישט לייטען פון בלינדע פיהרער, נייערט זיי מאכען חקירות ודרישות און געפינען אויס דעם אמת.

צווישען אזאלכע קענען מיר אויך פערצייכענען דעם אלבעקאנטען דר. יוסף קלויזנער פון ירושלים. וועלכער האט געשריבען זיין בוך אין אביעקטיווע ריכטונג וועגען ישוע המשיח. ער האט נאכגעפארשט אין פערשיעדענע אלטע ארכיוען פון ביכער און האט אויסגעפונען אז אלעם וואס עס איז געשריבען אין ברית החדשה איז אמת וצדק און אזוי־נאך האט ער בעזייטיגט פיעלע פאלשע און אויסגעטראכטע פערלייםדונגען און בלבולים וואס עקזיסטירען צווי־שען אידען עד היום וועגען ישוע המשיח.

אמת, עס געפינען זיך אייניגע וואס קריטיזירען דר. קלויזנער, נישט ווייל זיי קענען בעווייזען אז דר. קלויזנער איז אין טעות, נייערט עס טהוט זיי וועה פארוואס דר. קלויזנער שטעלט זיך אויף דער זייט פון ישוע המשיח, זייער מיינונג איז אז אזא גרויסער געלעהרטער מאן ווי דר. קלויזנער איז, דארף שרייבען אנדערש כדי צו רעכטפערטיגען און צו באשטעטיגען אז אידען זענען גערעכט אין זייער אויסגעטראכטע טראדיציאנען אפילו ווי פאלש עס זאל נישט זיין, דר. קלויזנער איז אבער א קינד פון אמת און ווען איינער ליעבט דעם אמת שרעקט ער זיך נישט פאר קליינע קארליקלעך מיט זייער גרויסע חוצפה און העזה׳דיגען אנגריף.

דאנעגען אבער, אלע אנדערע אידען וואס זענען פאר׳ן אמת, זענען מיט דר. קלויזנער פאלקאמען איינפערשטאנען. דר. קלויזנער איז דער גרעסטער געבלידעטער מאן אין דיעזען דור; און נישט אליין ער אלס געלערנטער מאן איז געגען יענע פאלש־


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.